ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**שער**
**שלישי**

**היכל**
**תשיעי**

# דבר מלכות

•

**מאת**

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ במדבר, ערב חג השבועות**
**ויום ב׳ דחג השבועות ה׳תנש״א**

**רשימת דברי כ״ק אדמו״ר שליט״א ליל ב׳ דחג השבועות ה׳תנש״א**
— לקהל שיחיו שחזרו מה„תהלוכה״ —

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה
ה׳ **תהא שנת פלאות בכל**
מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**נוסח המברק שהואיל כ"ק אדמו"ר שליט"א**
**לשלוח לאנ"ש שי' בכל מרחבי תבל**
**לקראת חג השבועות, ה'תנש"א**

שבת שלום ויום טוב שמח וקבלת התורה בשמחה ובפנימיות ולהמשיך כל זה בכל השנה כולה האנשים והנשים והטף,

ועד אשר במהרה בימינו ממש: ויהי נועם ה' אלוקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו,

בגאולה האמיתית והשלימה.

/מקום החתימה/

---

ויהי נועם . . כוננהו: **תהילים צ, יז** (צדיק, טוב).



**לזכות**

## כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**מהרה יגלה אכי"ר**

*   *   *

**לז"נ**

הרה"ח הרה"ת ר' **צבי הירש** בן הרה"ח ר' **בן ציון** ע"ה
נלב"ע ז"ך אלול ה'תש"מ
ומרת **רבקה** בת הרה"ח ר' **צבי** ע"ה
נלב"ע כ"ט תמוז ה'תשס"ב
**שפריצער**

נתרם ע"י בניהם – יבלח"ט –
הרה"ת ר' **שמואל** והרה"ת ר' **יעקב מרדכי** שיחיו
**שפריצער**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

To sponsor: weeklydvarmalchus770@gmail.com :לתרומות והקדשות

אחרון"[23] – דורך משה (שקיבל תורה מסיני) ווערט נמשך דער כח אויף דעם „קץ" (בגימטריא „נמי לכם") בגאולה האמיתית והשלימה.

ולהעיר ולהוסיף, אַז די ראשי־תיבות פון די נעמען פון די שלשה רועים (משה, ישראל, דוד) – איז „מיד" (ווי גערעדט פריער), וואָס איז מרמז אויף לשון חז"ל[24] – „מיד הן נגאלין", אַז די גאולה האמיתית והשלימה קומט מיד, מיד בזמן גשמי פון גשמיות העולם („לכם").

ג. ויהי רצון, אַז תיכף ומיד זאָל מקויים ווערן בפועל דער „נמי לכם" – קץ וסיום והגלות. ובמילא האָט מען דעם סיום פון יום (הראשון ד)חג השבועות, ועאכו"כ דעם המשך פון יום השני דחג השבועות שנת „אראנו נפלאות" – בגאולה האמיתית והשלימה, אַזוי, אַז אַנשטאָט זייענדיק אַ יו"ט שני של גליות – ווערט ער[25] גלייך דער טאָג פון קיבוץ גליות פון אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו"[26];

און מ'גייט אַלע צוזאַמען לארצנו הקדושה, ולירושלים עיר הקודש, ולהר הקודש, ולביהמ"ק השלישי, „ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו תמידים כסדרם ומוספים כהלכתם"[27], כולל אויך קרבנות של תודה ושמחה וואָס מ'וועט מסתם מקריב זיין אין פאַרבינדונג מיט דעם „קץ" („נמי לכם") און די גאולה, ובמכ"ש וק"ו וכו' פון אַ יחיד שיצא מבית האסורים.

ועוד והוא העיקר – אַז מ'איז ממשיך דעם זיין צוזאַמען דאָ – אין ארץ הקודש, און אין ירושלים עיר הקודש, און דאָרטן גופא – אין דעם „ציון" (די פנימיות[28] פון ירושלים – דעם ביהמ"ק, און (דאָרטן גופא –) בקדש הקדשים, מקום הלוחות, כולל ובמיוחד – די לוחות ראשונות וועלכע זיינען געגעבן געוואָרען צו משה רבינו בתחילת המ"ם ימים ראשונים (ביום מ"ת).

– האָט מען כל ענינים אלו צוזאַמען מיט די שלשה האמורים לעיל: משה, ישראל בעש"ט, און דוד מלכא משיחא, ר"ת „מיד",

(ותיכף ו)מיד ממש, בגאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח צדקנו.

23) ראה שמו"ר פ"ב, ו. זח"א רנג, א. שער הפסוקים פ' ויחי. תו"א משפטים עה, ב.

24) ראה שבת קיח, ב. שהש"ר פ"ה, א (ב). ועוד. רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.

25) להעיר משו"ת חת"ס או"ח סו"ס קמה: לא יו"ט ב' של גליות רמז בשעת חדות מ"ת וחירות מאוה"ע (כמ"ש המג"א או"ח ר"ס תצד), אלא יו"ט ב' של גאולה בב"א כו', ע"ש. ואכ"מ.

26) בא י, ט.

27) נוסח תפלת מוסף.

28) ראה לקו"ת דברים א, ב ואילך. רשימות הצ"צ לתהלים (יהל אור) ע' תקעה. וש"נ. ובכ"מ.



## בס"ד. משיחות ש"פ במדבר, ערב חג השבועות ויום ב' דחג השבועות ה'תנש"א

א. מ'האָט גערעדט מערערע מאָל, אַז אין צוגאָב צו דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט פון אַ יום טוב אין וועלכע אַלע יאָרן גלייכן זיך אויס, זיינען דאָ אויך ספּעציעלע אָפּלערנונגען פון דער קביעות מיוחדת פון דעם יום טוב אין דעם באַשטימטן יאָר, וועלכע אונטערשטרייכן און מאַכן נאָך קלערער – און גיבן צוגאָב כחות אין אויספירן – דעם אַלגעמיינעם לימוד פון דעם יום טוב בכל השנים.

היי־יאָר צייכנט זיך אויס דערמיט וואָס חג השבועות קומט גלייך נאָך יום השבת: דאָס הייסט, אַז די עבודה פון דעם חג השבועות ווערט געטאָן מיט און אונטער דער השפעה פון יום השבת קודש, ובפרט אַז צווישן זיי איז ניטאָ קיין הפסק פון טעג און עובדין דחול. אַזוי אַז מ'האָט אַ חזקה פון דריי קדושה־טעג נאָכאַנאַנד[1].

און דער שבת איז אויך – שבת פרשת במדבר[2].

אַזאַ קביעות איז אויך אויסגעטיילט דערמיט וואָס דער ערשטער טאָג שבועות איז ביום ראשון בשבוע, וועלכער איז בדוגמא צו יום ראשון פון מעשה בראשית, ווי פאַרשטאַנדיק פון דעם שיר של יום זה[3]; און דערפון קומט מען גלייך אַריין אין יום השני בשבוע[4], און דערנאָך – אסרו חג – ביום השלישי בשבוע.

אַלע זאַכן, ובפרט פאַרבונדן מיט דער תורה'דיקער קביעות פון ימים טובים און פון פרשיות אין תורה[5], זיינען בהשגחה פרטית[6] און בתכלית הדיוק. איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז די קביעות פון חג ה־שבועות גיט אַ ספּעציעלע אָנווייזונג וועלכע אונטערשטרייכט נאָכמער און גיט מערער כחות אין אויספירן אויך דעם כללות'דיקן באַדייט פון דעם יום טוב.

ב. די שייכות פון חג השבועות, זמן מתן תורתנו, מיט שבת – איז אונטער־שטראָכן אין מאמר חז"ל[7]: „דכולי עלמא בשבת ניתנה תורה לישראל".

וויבאַלד אַז די זאַכען זיינען בתכלית הדיוק (כנ"ל), ועאכו"כ פאַרבונדן מיט דעם ענין כללי פון מתן תורה, איז מובן אַז דאָס וואָס „בשבת ניתנה תורה" (און אַזוי איז דאָס „לכולי עלמא") איז דערפאַר וואָס (נתינת ה)תורה און שבת האָבן צווישן זיך אַ שייכות פנימית.

1) ראה בארוכה המכתבים כלליים דתחלת שנה זו (לקמן ע' 859 ואילך) ושיחת ש"פ האזינו (לעיל ח"א ע' 3 ואילך) – ביאור העילוי דקביעות שנה זו, שמימי ר"ה, וימים ראשונים ואחרונים (בחו"ל) דסוכות, נכנסו תיכף ליום השבת, וכן בי"ט כסלו, ובימי הפורים, ועוד. וכמדובר כמ"פ במשך השנה העילוי וההדגשה דענין של שלשה (חזקה) בשנה זו – ראה מכתב י"א ניסן ש.ז. (לקמן ע' 904 ואילך). ועוד.

2) ש„המנהג הפשוט שיהיו קורין במדבר סיני קודם עצרת" (רמב"ם הל' תפלה פי"ג ה"ב. טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ד).

3) ראה לקו"ת שה"ש כה, סע"א: „אנו מונין היום יום ראשון בשבת . . וקשה הרי כבר עברו רבבות ימים משימ"ב עד עתה וא"כ איך אומרים היום יום ראשון כו', אלא . . כל יום א' הוא ממש יום ראשון כמו יום א' של ששת ימי בראשית כו'". וראה גם סה"מ תש"ד ע' 192. וראה הנסמן בהערה 27.

4) ובארץ ישראל יום השני הוא אסרו חג.

5) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב (רצז, א).

6) כש"ט הוספות סקי"ט ואילך. וש"נ.

7) שבת פו, ב.

ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם[8]: שבת איז ענינה — מנוחה. כמאחז״ל[9] „מה הי׳ העולם חסר מנוחה, באת שבת באת מנוחה״. ובלשון פון ברכת המזון דשבת (גענומען פון לשון המשנה[10]) „הרחמן הוא ינחילנו ל)יום שכולו שבת ו־מנוחה לחיי העולמים״[11]. ובהדגשה יתירה — בלשון תפלת מנחה פון שבת[12]: „יום מנוחה .. מנוחת שלום .. מנוחה שלימה שאתה רוצה בה״ (און בכמה מקומות נאָך לשונות של מנוחה).

דער ענין המנוחה בעולם האָט זיך אויפגעטאָן בשלימותו דורך מתן תורה — כמאחז״ל[13] אויפ׳ן פסוק[14] „ויהי ערב ויהי בוקר יום הששי״, „ה׳ יתירה למה לי, מלמד שהתנה הקב״ה עם מעשה בראשית ואמר להם אם ישראל מקבלים התורה אתם מתקיימין ואם לאו אני מחזיר אתכם לתוהו ובוהו״[15], ווי עס שטייט[16] „ארץ יראה ושקטה״, „בתחלה יראה ולבסוף (באַ מ״ת) שקטה״[17].

און דעריבער האַלטען אַלע אַז „בשבת ניתנה תורה״, ווייל דורך נתינת וקבלת התורה איז אויפגעטאָן געוואָרן מנוחה ו„שקטה״ פון עולם, שלימות הענין פון „באת שבת באת מנוחה״ (וואָס איז געווען „חסר״ אין די ששת ימי בראשית, איידער ס׳איז געקומען שבת)[18].

ג. דער ביאור אין דעם פאַרוואָס מנוחה ווערט אויפגעטאָן דוקא דורך שבת און תורה (מתן תורה וקבלת התורה):

די וועלט מצד עצמה איז באַשאַפן געוואָרן אין אַן אופן פון שינוי ותנועה (היפך פון מנוחה, „חסר מנוחה״)[19], ולכל לראש — די שינויים פון כללות ענין הזמן (יום ראשון, יום שני וכו׳), וואָס ענינו וגדרו איז — חילוף ושינוי פון עבר הוה ועתיד (ובכללות — קדימה ואיחור), און אַלע נבראים שבעולם (וואָס גדרו איז זמן ומקום[20]) זיינען אונטערוואָרפן די שינויי הזמן, אַזוי אַז זיי ווערן שטענדיק נש־

8) ראה גם (באו״א) תו״א יתרו ע, ג. ויקהל פח, א ואילך. ובכ״מ.

9) פרש״י בראשית ב, ב. פרש״י מגילה ט, א (ד״ה ויכל). וראה ב״ר פ״י, ט ובמתנות כהונה שם (ד״ה „שאנן״) בשם חז״ל.

10) תמיד בסופה.

11) שכל שבת הוא מעין (והכנה ל) ה„יום שכולו שבת ומנוחה״ (ראה המשך תער״ב ח״ב ע׳ א׳קכח. ועוד).

12) הטעם שאומרים זה דוקא בתפלת מנחה דשבת י״ל — כי אז הוא גילוי דשלימות מנוחת שבת. אבל ענין זה שייך לכל היום, כמפורש בהתפלה: „יום מנוחה״.

13) שבת פח, א. וראה גם ע״ז ג, א.

14) בראשית א, לא.

15) „הששי משמע הששי המיוחד .. ששי בסיון שניתנה בו תורה״ (פרש״י שבת שם).

16) תהלים עו, ט.

17) שבת שם. ע״ז שם.

18) ומה שאחז״ל ש„באת שבת באת מנוחה״ ביום השביעי למעשה בראשית (ריבוי שנים לפני מ״ת) — י״ל: א) מנוחת שבת בעולם שנעשה במ״ת (לאחרי הציווי לישראל על קיום מצות שבת) הוא באופן נעלה יותר ממנוחת שבת לפני מ״ת (הבאה מלמעלה)*, ע״ד העילוי של כל המצוות לאחרי מ״ת לגבי קיומם לפני מ״ת. ב) ועיקר: פעולת מנוחת שבת בעולם היא על התנאי (שעשה הקב״ה עם העולם בתחלת בריאתו) שישראל יקבלו את התורה (כולל — מצות שבת), וקיום התנאי פעל מנוחה בעולם למפרע (בתחלת בריאתו).

19) ראה בארוכה תפארת ישראל (להמהר״ל) פ״מ.

20) ראה שעהיוה״א פ״ז (פב, א). לקו״ת בהר מא, ב. ברכה צח, א. ובכ״מ. — וראה לקו״ש חכ״ו ע׳ 61 ואילך.

*) ע״ד שמנוחת העולם (נח מלשון מנוחה ונייחא (ראה פרש״י בראשית ה, כט. ב״ר פ״ל, ה)) שנעשתה ע״י המבול („לא ישבותו״ (נח ח, כב)) היא נעלית יותר מהמנוחה שנפעלה ע״י השבת במעשה בראשית קודם המבול.





די שלימות פון גילוי אלקות למטה בגשמיות („לכם״) — וואָס „כבר הי׳ לעו־למים מעין זה בשעת מתן תורה״[10] — וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה (באַם קץ[11] הגלות)[12]. אויך ווי דאָס וועט זיך אויסדריקן אין דעם, אַז דעמאָלט וועט פאָרקומען אַ סעודה[13] גשמית[14] דוקא (אַזוי ווי בעצרת וואָס „בעינן נמי לכם״)[15].

ויש לקשר זה („נמי לכם״ בגימטריא „קץ״) דערמיט, וואָס בחג השבועות איז דער יום ההסתלקות פון דוד מלכא משיחא („דוד מת בעצרת״[16]). וואָרום ע״פ הידוע[17], אַז ביום ההסתלקות איז „פועל ישועות בקרב הארץ״[18], איז פאַרשטאַנ־דיק, אַז בעצרת איז דאָ אַ ספּעציעלע פעולה והשפעה אין דעם ענין פון (דוד) מלכא משיחא (קץ הגלות וגאולה האמי־תית והשלימה).

ונוסף לזה איז חג השבועות אויך דער יום ההסתלקות פון (רבי ישראל) ה־בעש״ט[19], וועלכער איז אויך פאַרבונדן במיוחד מיט („נמי לכם״ —) די גאולה[20] האמיתית והשלימה[21].

ולפני זה — פאַר דוד און בעש״ט — איז חג השבועות פאַרבונדן מיט דעם דריטען רועה ישראל — משה רבינו, „משה קיבל תורה מסיני״[22] [וואָס דאָס (מתן תורה) איז דאָך דער טעם אויף דעם וואָס „בעצרת בעינן נמי לכם״], „גואל ראשון הוא גואל

יב*) והוא לשון תפלה ובקשה**, נמ״י לכ״ם גימטריא ק״ץ, היינו שהוא זמן המוכשר להתפלל שיתקרב קץ הגאולה.

10) תניא פל״ו (מו, א).

11) ראה תניא שם (מו, ב): „אח״כ גרם החטא ונתגשמו הם והעולם עד עת קץ הימין שאז יזדכך גשמיות הגוף והעולם ויוכלו לקבל אור ה׳ שיאיר לישראל ע״י התורה כו׳״.

12) ושלימות השכר דלע״ל תהי׳ דוקא לבנ״י נשמות בגופים בעוה״ז הגשמי (כדעת הרמב״ן בשער הגמול בסופו. וכ״ה ההכרעה בתורת החסידות — ראה לקו״ת צו טו, ג. דרושים לשבת שובה סה, סע״ד. דרמ״צ יד, ב. וראה אוה״ת חוקת ס״ע תתט. שם כרך ה ע׳ א׳תרלז).

13) ב״ב עה, א. ועוד.

14) נסמן ב„תשובות וביאורים״ (קה״ת תשל״ד) סי״א הערה 23 (ע׳ 8־57).

15) וע״פ המבואר בפנים — יש להוסיף (ע״ד הרמז) בדיוק לשון חז״ל „הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם״: הענין דעצרת פועל, ש„הכל — כל עניני העולם — מודים״, שצריכים וזקוקים („בעינן״***) לקץ הגלות („נמי לכם״). כלומר: גם מציאות העולם עצמה באה לידי הכרה בגודל הצורך וההכרח לגאולה האמיתית והשלימה — שאז תהי׳ השלימות שלה (של העולם).

*) ובפרש״י עה״פ: אם תבקשו בקשתכם למהר הקץ. וראה גם ירושלמי תענית פ״א סה״א.

**) ראה מצודת ציון עה״פ.

***) נוסף להפירוש ב„בעינן״ מלשון תפלה ובקשה, כנ״ל הערה 9.

16) ירושלמי ביצה פ״ב ה״ד. חגיגה פ״ב ה״ג. רות רבה פ״ג. תוד״ה אף עצרת — חגיגה יז, א. וראה לקו״ש ח״ח ע׳ 21 ואילך. וש״נ.

17) תניא אגה״ק סכ״ח (קמח, א).

18) לשון הכתוב — תהלים עד, יב.

19) לקו״ד ח״א לב, א.

20) כמענה מלך המשיח להבעש״ט על שאלתו „אימת אתי מר״ — „בעת שיתפרסם למודך ויתגלה בעולם ויפוצו מעינותיך חוצה״ (כמ״ש באגה״ק ה־ידועה דהבעש״ט — נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ״מ).

ולהעיר מהידוע דגילוי תורת הבעש״ט הוא „טעימה״ מגילוי תורת משיח (סה״מ תרס״ג בהוספות ע׳ רנא. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 282. וש״נ). וראה תו״ח שמות (שכט, סע״ב): „היראה הפנימית שהי׳ בבעש״ט ז״ל שהי׳ מעין יראה של משיח כו׳״.

21) וראה לקו״ש ח״ח ע׳ 23 ואילך, דענינו של דוד הוא העבודה ד„תחתונים יעלו לעליונים״, וענינו של הבעש״ט — החיבור דירידת העליונים והעלאת התחתונים, ע״ש בארוכה.

22) אבות פ״א מ״א.

## בס"ד. רשימת דברי כ"ק אדמו"ר שליט"א
## ליל ב' דחג השבועות ה'תנש"א*
### — לקהל שיחיו שחזרו מה„תהלוכה" —

א. בנוגע צו חג השבועות זאָגן חז"ל[1], אַז „הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם[2], מאי טעמא, יום שניתנה בו תורה הוא". וואָס דער פירוש אין „לכם" איז — „שישמח בו במאכל ובמשתה"[3].

וכידוע אַז דער חידוש פון „יום שניתנה בו תורה" איז — דער חיבור פון אלקות מיט דעם גוף הגשמי פון אידן[4] („לכם"[5]) און מיט גשמיות העולם כביכול[6] („התחתונים[7] יעלו לעליונים והעליונים ירדו לתחתונים")[8].

ב. ויש להוסיף בזה, לויט דעם וואָס עס ברייגנגט זיך אין פוילישע ספרים[9], אַז „נמי לכם" איז בגימטריא „קץ":

*) הוספת ביאור בכמה ענינים דלהלן — ראה שיחת יו"ד סיון שנה זו (ביחידות הכללית להאורחים שיחיו). חלקו נעתק להלן (בפנים ובהערות).

1) פסחים סח, ב.

2) משא"כ בשאר הימים־טובים יש פלוגתא אם צ"ל „חציו לכם" (פסחים שם. ביצה טו, ב). — ואפילו לפי ההלכה (רמב"ם הל' יו"ט פ"ו הי"ט (ובמ"מ שם). טושו"ע או"ח ר"ס תקכט. שו"ע אדה"ז שם ס"י) שבכל היו"ט צ"ל „חציו לכם" — יש חילוק בין חגה"ש לשאר היו"ט, שב„שאר יו"ט ושבתות (ש)מותר להתענות בהם תענית חלום", משא"כ בחגה"ש „אסור להתענות תענית חלום" (שו"ע אדה"ז או"ח סתצ"ד סי"ח), אף שהתענית עונג לו (טור או"ח סרפ"ח. שו"ע אדה"ז שם ס"ג). וראה בארוכה לקו"ש חכ"ג ע' 27 ואילך (וש"נ).

3) פרש"י פסחים שם. וראה גם שו"ע אדה"ז סתצ"ד שם.

4) ראה תניא פמ"ט (סט, סע"ב ואילך): ובנו בחרת מכל עם ולשון (דקאי על מ"ת — ראה שו"ע אדה"ז או"ח סי' ס ס"ד) הוא הגוף החומרי כו'.

5) ראה גם לקו"ש ח"ב ע' 560.

6) ראה בארוכה לקו"ש ח"ג ע' 887 ואילך. ובכ"מ.

7) תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג. ועוד.

8) ועפ"ז יש לבאר מ"ש בהמשך הגמ' שם (לאחרי הדין דבעצרת בעינן לכם): „רב יוסף ביומא דעצרתא אמר עבדי לי עגלא תילתא, אמר אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא" — דלכאורה: כיון שכוונת ר"י בהעילוי ד„האי יומא" היא — שעל ידו נעשה הוא לומד תורה (כפרש"י), אין זה שייך דוקא ל„האי יומא" (יום נתינת התורה), שהרי לימוד התורה הי' גם לפני מ"ת (וא"ו בסיון), וכמאחז"ל (יומא כח, ב) „מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם, היו במצרים ישיבה עמהם . . אברהם אבינו זקן ויושב בישיבה הי' וכו'"?

אלא, העילוי ד„האי יומא" הוא — שאז נמשכה ונתלבשה התורה למטה, עד ש„תורה לא בשמים היא" (נצבים ל, יב. וראה שבת פט, א. ב"מ נט, ב). ועל זה אמר ר"י שע"י „האי יומא" „למדתי תורה ונתרוממתי" (פרש"י), היינו שהתורה פועלת שינוי בה„תחתונים"* (ראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 211 ואילך. ובכ"מ). ולכן, רב יוסף ביומא דעצרתא „הי' מצוה לאנשי ביתו להכין לו סעודה" (פרש"י פסחים שם), שבזה מודגש, שהתורה נמשכת וחודרת בכל מציאות האדם, גם בגוף הגשמי.

9) ספר מאמר מרדכי מסכת פסחים, להרה"צ כו' הר"ר מרדכי מנדבורנא (סיגעט, תר"ס). וז"ל: הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם . . בעצרת שהוא זמן קבלת התורה, ואחז"ל (ראה עירובין נד, א. ע"ז ה, א. שמו"ר רפל"ב) חירות משעבוד מלכיות, אזי הוא הזמן המוכשר לעת רצון להתפלל לקרב קץ הגאולה. וזהו הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, דבעינן לשון אם תבעיון בעו (ישעי' כא,

*) ולכן, „אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא **בשוקא**" — כי ע"י לימוד התורה מצ"ע (בלי הפעולה ד„האי יומא"), נשאר האדם והעולם בבחי' „שוקא" ורשות הרבים (ראה לקו"ש שם ע' 214. ובכ"מ).





תנה[21]; און דערצו זיינען דאָ די פּרטיות'־דיקע שינויים פון יעדער נברא בעולם.

ולהוסיף, אַז אויך די התחלקות פון מקום — די חילוקי דרגות פון מעלה ומטה והצדדים, און די שינויים ממקום למקום — איז פאַרבונדן מיט היפך המנוחה (ואדרבה — שינוי), וואָרום יעדער מקום האָט זיינע באַזונדערע ענינים והנהגות וכו', און גיין פון איין אָרט אין אַ צווייטן באַשטייט פון אַ טלטול[22] ושינוי ממקומו ומצבו הקודם[23].

יום השבת האָט אַריינגעבראַכט מנוחה אין עולם („באת שבת באת מנוחה")[19], וואָרום די בריאה איז פאַרענדיקט געוואָרן בששת ימי בראשית, „ויכולו השמים והארץ וכל צבאם, ויכל אלקים גו' מלאכתו אשר עשה"[24], און עס האָט זיך אָנגעהערט בכל העולם ובכל פרטי ה־עולם — אין אַלע שינויים וחילוקי דרגות פון זמן ומקום — ווי דאָס אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן פון ה' אחד[25], די כוונה אחת פון דעם אויבערשטן בכל פרטי הבריאה, וואָס דאָס איז העכער פאַר די שינויי הזמן והמקום[26], און דעריבער, ברענגט עס אַריין מנוחה אין כל הבריאה, זייענדיק פאַרבונדן מיט „מנוחה", סיי אין זמן — כידוע[27] אַז שבת איז אַן עלי' של־מעלה מבחי' זמן, דעריבער הויבט מען אָן דערנאָך ציילן נאָכאַמאָל: יום ראשון בשבוע וכו', און סיי אין מקום — כמ"ש[28] „שבו איש תחתיו אל יצא איש ממקומו ביום השביעי"[29], מנוחה וקביעות במקום[30].

21) כמאמר „כל הוה נפסד" (ראה מו"נ ח"ב פ"ב), תינוק משנולד מתחיל להתייבש (ראה בחיי בראשית א, כח).

22) ובפרט טלטולי גברא דקשין מדאיתתא (כתובות כח, א. סנהדרין כו, א).

23) וכמובן גם מדיני התורה בנוגע לשינוי מנהגי האדם לפי מנהגי המקום שהלך לשם או לפי המקום שיצא משם (ראה לדוגמא פסחים רפ"ד. ועוד).

24) בראשית ב, א־ב.

25) ראה חינוך מצוה לג, שאיסור מלאכה בשבת הוא כדי „לקבוע בנפשותינו אמונת חידוש העולם כו' ונזכר ביום אחד בכל שבוע ושבוע שהעולם נברא בששה ימים חלוקים ובשביעי לא נברא דבר, ובכל יום ויום נבראו ענינים חלוקים להורות על הרצון פשוט כו'". וע"פ המבואר בפנים יובן יותר לשון החינוך „בכל יום ויום נבראו ענינים חלוקים להורות על רצון הפשוט" — כי במנוחת שבת נתגלה אחדותו ית', הרצון אחד, בכל פרטי חילוקי הבריאה.

26) ראה גם לקו"ש חט"ו ע' 55 ואילך.

27) לקו"ת וסה"מ תש"ד שבהערה 3. אוה"ת שבועות ע' פו. ברכה ע' א'תתצא. א'תתצט. ובכ"מ.

28) בשלח טז, כט.

29) ואף שאיסור זה (יציאה ממקומו) הוא על „אלפיים אמה" של תחום שבת (עירובין נא, א)*, וגם זה הוא דוקא מחוץ לעיר, אבל מותר לאדם לצאת ממקומו הקבוע (רשות היחיד שלו) ולהלך כל העיר וחוצה לה אלפיים אמה (ראה רש"י עירובין מא, ב ד"ה כאילו. ועוד), הרי מדיוק ל' הכתוב „אל יצא איש ממקומו", מובן, שכל זה נכלל ב„מקומו" של האדם, ואין בזה גדר טלטול והיפך הקביעות והמנוחה. וראה שו"ע אדה"ז או"ח סשצ"ו ס"א: „עד אלפיים נקרא מקומו כו'", עיי"ש.

30) ואף שאמרו חז"ל בנוגע להמסעות במדבר „על פי ה' יחנו על פי ה' יסעו כמאן דקביע להו דמי" (בהעלותך ט, יח. כג. עירובין נה, ב), מ"מ אי"ז שלימות הקביעות ומנוחה — כפי שהוא ביום השבת. והרי בפשטות לא היו המסעות בשבת (כיון שקשור לכמה מלאכות וכו'). ראה שבת פז, ריש ע"ב (ובתוד"ה אתחומין שם).

וע"פ המבואר לקמן בפנים (סיו"ד), יש לומר, שממנוחת שבת (ש„מיני' מתברכין כולהו יומין" (ראה זח"ב סג, ב. פח, א)) נמשך הכח לקביעות ומנוחה גם במסעות שבמדבר, שהוא היפך ממקום מנוחת האדם („בארץ לא עבר בה איש ולא ישב אדם שם" (ירמי' ב, ו)).

*) ראה הדיעות בזה — שו"ע אדה"ז רסשצ"ו. הנסמן בתו"ש חי"ד ע' שלו־שלז.

און די שלימות בענין זה האָט זיך אויפגעטאָן באַ מתן תורה — ווען אידן האָבן באַקומען די תורה פון דעם אויבערשטן, וואָרום דאָס איז דער תכלית צוליב וועלכען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן (בשביל התורה ובשביל ישראל[31]), און בשעת עס ווערט דורכגעפירט בגלוי תכלית כל הבריאה — וואָס איז אַן איין און איינציקע תכלית — אין אַן אופן אַז עס הערט זיך אָן אין דער גאַנצער וועלט, בכל פרטי העולם (זמן ומקום)[32] — ברענגט עס אַריין מנוחה בכל העולם, דורך קיום התנאי „שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית . . אם ישראל מקבלים ה־תורה אתם מתקיימין".

והביאור בזה — ווי דאָס איז בפשטות הדברים, בטבע בני אדם: בשעת אַ מענטש פילט ניט די כוונה ותכלית אין זיין לעבן (אַז „אני נבראתי לשמש את קוני"[33]), קען ער ניט שטיין מיט אַן אמת'ע מנוחה והת־יישבות, וואָרום די שינויי הזמן והמקום און אַלע ריבוי פרטים ופרטי פרטים פון זיין לעבן זיינען גורם אַ שטענדיקע אומרו, וואָס „שפּאַלט" אים פאַנאַנדער; דוקא בשעת ער דערהערט די ציל — די כוונה ותכלית — וואָס ליגט בתוך די אַלע פרטים, דעמולט ברענגט עס אים אַ מנוחה, וואָס איז העכער פאַר דער תנועה ושינוי פון פרטי החיים, און במילא — צו שלימות האדם, ווי מ'זעט בפשטות אַז אַ מענטש שטייט מער בשלימות ווען ער האָט מנוחה, מנוחת הנפש ומנוחת הגוף.

און נאָכמער: דאָס ברענגט מנוחה ניט נאָר צו דעם מענטשן אַליין, נאָר אויך צו אַלע זאַכן וואָס ער טוט אין דער וועלט, אַז זיי ווערן געטאָן מער בשלימות און מיט מער הצלחה בשעת זיי ווערן געטאָן מתוך מנוחה, ביז אַז דאָס ברענגט צו מנוחה בכל העולם כולו.

ועד"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק, ל־הבדיל, בנוגע צו מתן תורה: בשעת אידן האָבן מקבל געווען די תורה איז נתגלה געוואָרן די תכלית פון כל הבריאה — בשביל התורה ובשביל ישראל, אַז אידן זאָלן באַקומען תורה ומצוות און זיי מקיים זיין, און אויך משפיע זיין אויף אוה"ע זיי זאָלן מקיים זיין זייערע ז' מצוות בני נח[34], און דורך דעם מאַכן די גאַנצע וועלט פאַר אַ דירה לו יתברך בתחתונים[35]. דעריבער האָט דאָס אַריינגעבראַכט מנוחה („שק־טה") בכל העולם.

ביז אַז דערפון ווערט נמשך מנוחה אויך אין די פרטי ושינויי הזמן והמקום — ע"ד ווי דאָס איז בנוגע צו מנוחת שבת, אַז „מיני' מתברכין כולהו יומין"[36], די ששת ימי הבריאה, ווען מ'איז עסוק במלאכת העולם (דער סדר פון תנועה ושינוי) — אַז אויך ווען מ'איז פאַרנומען מיט אַ פרט שבפרט, שטייט מען במנוחה, און מ'טוט יעדער פרט מתוך מנוחה, במילא ווערט עס אָפּגעטאָן בשלימות.

ד. ובפרטיות יותר — אין עבודת השם:

אע"פ וואָס אין דער עבודה פון אַ אידן זיינען פאַראַן כו"כ פרטי דרגות ואופנים — איז שלימות העבודה (מתוך מנוחה)

31) פרש"י ר"פ בראשית. ובכ"מ.

32) ראה זבחים קטז, א. וראה תנחומא שמות כה. שמו"ר פ"ה, ט. פרש"י יתרו כ, ב.

33) משנה ובריית‏א סוף קידושין.

34) ראה רמב"ם הל' מלכים פ"ח ה"י: צוה משה רבינו מפי הגבורה לכוף את כל באי העולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח.

35) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא פל"ו.

36) נסמן בהערה 30.





און מעיין זיין אין דעם וואָס ער שרייבט און איז מפרסם.

ויישר כחם פון די אַלע לומדי תורה ומקיימי מצוות בהידור וואָס וועלן אויס־נוצן די התעוררות פון דעם זמן מתן תור־תנו אויף זיך משתדל זיין צו מחדש זיין בתורה (ע"פ כללי התורה) און מפרסם זיין זייערע חידושים — ויהי רצון און מתפלל זיין צו ווערן אַלץ נעענטער לדרגת תלמיד ותיק, וואָס כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני[110].

יג. ויהי רצון, אַז די הוספה וחידוש אין לימוד תורה קומענדיק פון דעם זמן מתן תורתנו — זאָל צוגעבן נאָכמער אין מנוחה, מנוחת הנפש ומנוחת הגוף פון די לומדי התורה, מתוך בריאות הנשמה ובריאות הגוף, און מנוחה פון אַלע אידן בכל מקום שהם,

און אַזוי אויך אין מנוחה בכל העולם כולו.

ביז אַז דאָס וועט ברענגען בקרוב די מנוחה אמיתית והשלימה — פון „יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים", דער ביטול הגלות פון אידן, וואָס גלות איז דער גרעסטער היפך המנוחה והתיישבות פון אידן — „אוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם"[111], אַז עס ווערן בטל הן די טלטולי הגלות און הן דער היפך המנוחה פון דעם גלות פנימי בעבודת השם,

כולל ופשוט — דער ביטול פון אַלע העלמות והסתרים פון גלות, און אַלע שאלות בפרטי הגאולה ומשיח צדקנו, וואָס דאָס קומט מצד גלות עצמה, מצד דעם וואָס מ'איז געבאָרן געוואָרן אין גלות און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין גלות, במילא איז מען אַ „גלות מענטש" ר"ל, און מ'געפינט זיך אין אַ „גלות־צושטאַנד" — זאָל דאָס אַלץ בטל ווערן, און נהפך ווערן (דורך תשובה אמיתית), דורך מגלה זיין באַ זיך און מדגיש זיין די נשמה (חלק אלוקה ממעל ממש[112]), וואָס שטייט העכער פאַר גלות, און שטייט אין אַ מצב של מנוחה, מעין שבת ומנוחה לחיי העולמים.

און דאָס קומט אין אַן אופן פון מיד — „מיד" ר"ת משה, ישראל (הבעש"ט), דוד מלכא משיחא, די ג' רועים פאַרבונדן מיט חג השבועות (כנ"ל) — און תיכף ומיד ממש: תיכף לת"ח ברכה[113], מיד ר"ת כנ"ל, ממש — באופן של ממשות, אין גשמיות וחומריות העולם, אַזוי אַז מ'מאַכט פון חומריות גשמיות, און די גשמיות — אַ כלי צו רוחניות, ביז צו רוחניות הכי נעלית, ביז צו כביכול עצמותו ית', וואָס ער איז פאַרבונדן דוקא מיט דעם יש הגשמי[114],

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און באופן של זריזות — אויפטאָן און טאָן דעם ענין, איז דוד מלכא משיחא יבוא ויגאלנו און יעדערער פון אונז זאָגט צו משיח צדקנו „שלום עליכם", עליכם לשון רבים — כולל כל הנשמות פון די אַלע אידן פון דור הגאולה, און ער ענטפערט יעדערן באַזונדער „עליכם שלום" [„עליכם" לשון רבים כולל — די מעשינו ועבודתינו פון יעדער איד], און „עליכם שלום" צו אַלע אידן צוזאַמען,

ועוד והוא העיקר — מיד.

110) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ"ב ה"ד. שמו"ר רפמ"ז. הנסמן בלקו"ש חי"ט ע' 25 הערות 21־20.

111) ברכות ג, סע"א.

112) תניא רפ"ב.

113) ברכות מב, א.

114) ראה אגה"ק ס"כ (קל, ריש ע"ב). ביאורי הזהר לאדהאמ"צ בשלח מג, ג.

און נאָכמער – האָט אַ חיוב, צו מחדש זיין בתורה[102], „לאפשה לה"[103], ווי דער אַלטער רבי פסק'נט אין הלכות תלמוד תורה[104]: „לחדש חידושי הלכות רבות לפי רוחב שיש בלבו וישוב דעתו". וכידוע אַז יעדער איד האָט זיין חלק מיוחד בתורה – „ותן חלקנו בתורתך"[105] – אין וועלכן ער האָט בכח צו זיין אַ תלמיד וואָס איז מחדש בתורה.

בדורות שלפנינו איז מען געווען זהיר בנוגע צו חידושי תורה (אפילו ווען דאָס איז ניט להלכה למעשה, נאָר בדרך פלפול בלבד), סיי בנוגע צו שרייבן חידושי תורה, ועאכו"כ בנוגע צו זיי מפרסם זיין בדפוס. און די הנהגה איז געווען אַז „לא כל הרוצה כו' יטול"[106], נאָר דוקא לאחרי כו"כ תנאים וואָס זיינען מוכיח אַז די חידושים זיינען מכוונים לאמיתתה של תורה כו'.

משא"כ בדורות שלאחרי זה, ביז בדורנו זה – איז מחד גיסא, דאַרף טאַקע זיין נאָך אַ גרעסערע זהירות, וואָרום ניט יעדערער וואָס שרייבט חידושי תורה און שרייבט פסקי דינים קען מען זיך אויף אים פאַרלאָזן, אָבער לאידך, צוליב ירידת הדורות – דאַרף מען זוכן וואָס מער אופנים צו מוסיף זיין אין לימוד התורה, באופן פון „יגדיל תורה ויאדיר"[107], כולל יגדיל בפרסומה.

און דעריבער[108] איז כדאי צו מעודד ומזרז זיין די אַלע וואָס זיינען שייך צו מחדש זיין בתורה – ובתנאי ווי זי ווערט געלערנט ע"פ כללי התורה כפשוט – אַז אפילו אויב זיי זיינען ניט זיכער צי זייערע חידושים זיינען מכוון לאמיתתה של תורה, איז ניט נאָר וואָס זיי זאָלן זיך ניט אָפּהאַלטן פון שרייבן די חידושים, נאָר – זיי זאָלן זיך משתדל זיין שרייבן, און דאָס אויך מפרסם זיין בדפוס (בקובץ מיוחד בפ"ע, אָדער אין אַ קובץ וואָס איז כולל חידושי תורה אויך פון אַנדערע), און ניט נאָר צווישן זייערע חברים און זייערע תלמידים, נאָר אויך צווישן לומדי תורה בכלל,

און דער עיקר טעם הדבר איז – כנ"ל – ווייל מ'זעט בפועל, ומעשה רב, אַז דורך דעם קומט צו אין „יגדיל תורה ויאדיר", אין חיות ותענוג בלימוד התורה, סיי בנוגע צו זיך אַליין, ווי מ'זעט בפשטות די תועלת וואָס קומט צו בלימוד התורה דורך דעם וואָס מ'דאַרף דאָס אַראָפּשרייבן פאַר אַנדערע, און סיי בנוגע צו אַנדערע („קנאת סופרים תרבה חכמה"[109]) – וואָס דאָס (די תועלת שבזה) איז די בעסטע בחינה אויף דעם צורך הדבר.

וכאמור, הגם אַז עס קען זיין אַז דער חידוש איז ניט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן לאמיתתה של תורה (כנ"ל), איז דאָס כדאי. ובפרט אַז מ'קען דאָס אויך באַוואָרענען דורך ניט פסקענען אַ מסקנא להלכה, אָדער אפילו אויב מ'שרייבט אַ מסקנא – קען מען צוגעבן אַז דאָס איז: לפענ"ד, אָדער אין לסמוך על זה, וכיו"ב.

ולהוסיף, אַז בשעת מ'איז מפרסם די חידושים בדפוס פאַר אַנדערע – איז דאָך טבע בן אדם (מפני כבוד עצמו, און מנהג העולם), אויך פון נה"ב, אַז ער וועט זיין נאָכמער זהיר און נאָכאַמאָל איבערקוקן

102) אגה"ק סכ"ו (קמה, א).

103) זח"א יב, ב.

104) פ"ב ס"ב.

105) אבות פ"ה מ"כ.

106) לשון המשנה – ברכות טז, ב.

107) ישעי' מב, כא. חולין סו, ב.

108) ראה גם ספר השיחות תשמ"ח ח"א ע' 249 ואילך.

109) ב"ב כא, סע"א. כב, רע"א.





דוקא ווען אין אַלע פרטי העבודה פון אַ אידן הערט זיך אָן די איין און איינציקע נקודה: „אני (לא[37]) נבראתי (אלא[37]) לשמש את קוני".

ווי דאָס איז אין קיום המצוות: נוסף צו די כוונה פרטית בכל מצוה ומצוה (פון די תרי"ג מצוות), דאַרף זיין (נאָך פריער) די כוונה כללית[38], כנוסח ברכת כל המצוות – „אשר קדשנו במצוותיו וצוונו" (און ערשט דערנאָך זאָגט מען די מצוה פרטית), די כוונה בכל המצוות אַז מ'איז מקיים רצונו של הקב"ה[38].

ובלשון המשנה[39] והובא להלכה בהת־חלת השו"ע[40] – „לעשות רצון אביך שב־שמים" (לאחרי וואָס ער רעכנט אויס די פיר אופני העבודה: „הוי עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי"), ובדיוק הלשון „רצון אביך" און ניט „מצוות אביך":

„מצוות" באַדייט (אויך) התחלקות ה־מצוות לפרטים – תרי"ג מצוות דוקא, „לא תוסיפו גו' ולא תגרעו"[41], און יעדער מצוה איז אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע מצוות באופן קיומו וכו', ביז אַז „אין עושין מצות חבילות חבילות"[42], „דבעינן שיהא לבו פנוי למצוה אחת"[43]. משא"כ „רצון" איז למעלה מהתחלקות (ושינוי דרגות) – רצון איז אַן איין און איינצי־קער, סיי בנוגע צו די פרטים פון דער זאַך וואָס ער וויל איז דער רצון בכל פרט בשוה, און סיי בנוגע צו כללות הענינים, איז „אין הרצון משתנה לפי אופן הענינים שהרצון בהם", „נאמר שבדבר זה הרצון הוא באופן כך ובדבר זה הרצון הוא באופן כך"[44].

און דעריבער שטייט דער לשון „לעשות רצון אביך שבשמים" – ווייל שלימות העבודה (מתוך מנוחה) באַשטייט אין דעם אַז בקיום כל המצוות זאָל זיך אָנהערן די איין און איינציקע נקודה – אַז מ'איז דערמיט מקיים רצונו של הקב"ה.

און דערפון ווערט עס דערנאָך נמשך אויך אין די פרטי המצוות, ווי יעדע מצוה שטייט „במקומה" (אַלס מצוה פרטית) – כידוע אַז יעדע מצוה איז כלול (און האָט אין זיך מעין) פון אַלע אַנדערע מצוות, וואָס דערפאַר איז „העוסק במצוה פטור מן המצוה"[45], ווייל זי איז אין זיך כולל אַנדערע מצוות, במילא איז דורך קיום מצוה זו איז דאָס „כמו שמקיים גם זה"[46] (די מצוה שני')[47].

ה. דער ענין הנ"ל זעט מען בהדגשה אין מצות אהבת ה' [וואָס איז כולל אַלע מ"ע[48], און אויך די מצוה פון יראת ה' וואָס איז כולל אַלע מצות ל"ת[48]] – „ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך"[49]:

37) גירסת המלאכת שלמה ועוד, קידושין שם.

38) ראה תניא רפמ"א. שער האמונה פי"ג. עטרת ראש דרוש לעשי"ת נח, ב ואילך. המשך תרס"ו ע' נז. סה"מ מלוקט ח"ב ע' נז.

39) אבות פ"ה מ"כ.

40) טור ושו"ע אדה"ז או"ח רס"א.

41) ואתחנן ד, ב. ובפ' ראה יג, א: לא תוסף עליו ולא תגרע ממנו.

42) ברכות מט, א. וש"נ.

43) תוד"ה לפי – מו"ק ח, ב.

44) סה"מ קונטרסים ח"ב ע' שיב. וראה גם שם ע' שנ. סה"מ תרס"ה ע' רסח. ובכ"מ. לקו"ש חי"ג ע' 67 ואילך.

45) סוכה כה, א.

46) צפע"נ כללי התורה והמצוה בערכו. וראה שיחת ש"פ מקץ (לעיל ח"א ע' 197). וש"נ.

47) ומ"מ לא נאמר „מצוות" (אלא „רצון אביך שבשמים"), כי גם בהעוסק במצוה שפטור מן המצוה (מפני שכלול בזה כל המצוות) הי' ניכר החסרון „בריחא דלבושייכו" (ראה המשך תרס"ו ס"ע סח ואילך).

48) תניא רפ"ד. ובכ"מ.

49) ואתחנן ו, ה.

אהבה שבלב איז פאַרבונדן דוקא מיט תנועה ושינוי — בבחי' רצוא ושוב. אעפ"כ שטייט אַז די עבודה דאַרף זיין אין אַן אופן פון "אם רץ לבך שוב לאחד"[50]. ולכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק די הוספה פון דעם וואָרט "לאחד", לכאורה וואָלט געווען גענוג זאָגן "אם רץ לבך (דאַרף זיין) שוב", ווי עס שטייט[51] "והחיות רצוא ושוב". ואדרבה: די עבודה שבלב איז פאַרבונדן דוקא מיט אַ תנועה פון רצוא ושוב, ביז אַז חיות האדם ע"י השפעת הדם מן הלב איז תלוי אין דעם אַז עס זאָל זיין אַ שטענדיקע דפיקו דליבא, אַ תנועה תמידית פון רצוא ושוב, ועד"ז איז פאַרשטאַנדיק בנוגע צו עבודה שבלב (אהבה), אַז עס דאַרף זיין באופן פון רצוא ושוב, דער רצוא ברענגט צו אַ שוב (אין כלים), און דערנאָך ברענגט דער שוב צו אַ העכערן רצוא, און דערנאָך צו אַ העכערער שוב א.א.וו. משא"כ "שוב לאחד" איז מדגיש אַז דער שוב דאַרף זיין צו אַן איין און איינציקער זאַך — ניט קיין ריבוי, און אפילו ניט צוויי תנועות פון רצוא ושוב?!

ויש לומר הביאור בזה: שלימות ה־עבודה איז דוקא מתוך מנוחה, ביז אַז אפילו אין אַ מקום פון שינוי ותנועה (רצוא ושוב), זאָל זיין דער ענין המנוחה. וואָס דאָס ווערט אויפגעטאָן דוקא דורך דעם וואָס עס הערט זיך אָן דער רצון ה' — רצון אחד (די כוונה ותכלית אחת) — אין אַלע פרטי העבודות. און דעריבער זאָגט מען אַז "ואם רץ לבך שוב לאחד": די תכלית פון דעם שוב דאַרף זיין ניט (נאָר) צוצוקומען צו נאָך אַ העכערן רצוא, נאָר "לאחד" — צו מקיים זיין רצונו של הקב"ה. ד.ה. אַז ער הערט אין דעם אָן און איז אין דעם מרגיש ניט דעם שינוי התנועה פון זיין לב (רצוא אָדער שוב), נאָר קיום רצונו של הקב"ה וואָס איז "אחד" (אין דעם איז קיין נפק"מ ניט צי דאָס איז רצוא אָדער שוב). און נאָכמער (כלשון הידוע[52]): — אפילו נצטווינו לחטוב עצים.

און דורך דעם ווערט דער "לאחד" דערנאָך נמשך אויך אין די פרטי העבו־דות ופרטי תנועות הלב, רצוא ושוב.

ו. און דאָס ווערט אויפגעטאָן דורך ביטול האדם צו דעם אויבערשטן, אַז ער פילט ווי כל מציאותו איז נאָר אַן עבד לה' "לשמש את קוני". און דוקא דורך זיין ביטול אַלס אַן עבד לה' — ווערט "עבד מלך מלך"[53], ער ווערט (איין זאַך מיט) מציאות המלך (כביכול).

וע"ד דער פירוש הידוע אין חסידות[54] אויף "תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו"[55], אַז "תפלה לעני" באַשטייט אין דעם אַז "לפני ה' ישפוך שיחו", וואָרום דורך דעם וואָס ער שטייט בתכלית הביטול, איז זיין תפלה דוקא צו רעדן מיטן אויבערשטן אַליין.

עד"מ דער חילוק צווישן אַן עשיר ועני כפשוטו: אַן עשיר — צוליב זיין השגה אין עשירות — קען אַמאָל בעטן די גילויים פון דעם מלך, כסף וזהב וכיו"ב, ווי דער מלך געפינט זיך חוץ מארמון שלו, אָנגע־טאָן אין לבושים און אַרומגערינגלט פון שרי המלך, עבדי המלך צבא המלך וכו',

50) ספר יצירה פ"א מ"ח. — בס"י שלפנינו: שוב למקום. וראה אוה"ת יתרו ע' תתקעח. ע' תתקפא. סה"מ תרנ"ט ע' ריג בהערה. — ובתקו"ז בהקדמה (ז, א): אם רץ לבך שוב לאחור (נ"א לאחד). ובכסא מלך כתב ע"ז: שוב לאחד גרסינן.

51) יחזקאל א, יד.

52) ראה לקו"ת שלח מ, א.

53) ספרי ופרש"י עה"פ דברים א, ז. תנחומא צו יג (הובא בפרש"י בהעלותך יב, ח). ב"ר פט"ז, ג. — ובשבועות מז, ב: עבד מלך כמלך.

54) כש"ט סצ"ז. אור המאיר פ' וישלח.

55) תהלים קב, א.





וויבאַלד אַז בזמן מתן תורתנו בכל שנה ווערט געגעבן די תורה (באופן חדש מחדש, און זי ווערט געגעבן למטה דוקא ("לא בשמים היא"), באופן אַז עס קומט צו אַ חידוש אין דער מנוחה שבעולם — איז פאַרשטאַנדיק אַז אידן דאַרפן בכל שנה מקבל זיין די תורה (מחדש,) באופן חדש, "בכל יום יהיו בעיניך חדשים"[97], ביז "חדשים" ממש, און באופן אַז זיי "נעמען" דאָס מיט זייער שכל למטה, ביז באופן של (ממש מלשון) ממשות.

ועאכו"כ בשנה זו, ווען מ'גייט אַריין פון שבת אין זמן מתן תורתנו ביום ראשון — דאַרף דער חידוש בזה זיין ביתר שאת וביתר עוז, און איןביידע קצוות: די קבלת התורה מחדש מתוך הכרה אין דעם נותן התורה, און אַז תורה איז די תכלית פון כל הבריאה כולה, ובמילא ברענגט דאָס צו אַ חידוש אין דער מנוחה באַ דעם אידן בעבודתו און ברייַנגט מנוחה בעו־לם; און צוזאַמען דערמיט — ממשיך זיין די מנוחה פון תורה אין כל פרטי המצוות, בכל פרטי הכחות שלו ובכל פרטי עבודתו, ביז אין כל פרטי העולם.

אָנהויבנדיק דערפון וואָס ביי אים קומט צו אַ חידוש אין זיין לימוד התורה מתוך הכרה אין דעם נותן התורה, וב־מיוחד — דורך לימוד פנימיות התורה, "דע את אלקי אביך ועבדהו בלבב שלם"[98], און צוזאַמען דערמיט — לימוד התורה בהבנה והשגה פון שכל האדם.

ובפשטות: יעדער איד זאָל צוגעבן אַ חידוש — בכמות ובאיכות — אין לימוד התורה,

סיי אין די שיעורים כלליים השוים לכל נפש, כולל ובמיוחד בזמנים אלו — אין אמירת פרקי אבות בכל שבתות הקיץ, ומה טוב — אַז מ'זאָל לערנען איין משנה (אָדער עטלעכע משניות) בעיון, בהבנה והשגה,

און אַזוי אויך אין די שיעורי חת"ת הידועים — לערנען בכל יום דעם שיעור חומש (כפי שנחלק לימי השבוע), שיעור תהלים (כפי שנחלק לימי החודש) און שיעור תניא (כפי שנחלק לימי השנה) — וואָס די דריי שיעורים זיינען כנגד מיט די ג' רועים פאַרבונדן מיט חג השבועות: חומש — כנגד משה רבינו שקיבל תורה מסיני[99]. תהלים — ספרו של דוד המלך, שמת בעצרת[100], און תניא — ביאור בתורת ישראל הבעש"ט וואָס אויך זיין יום ההילולא איז בחגה"ש[101];

און אויך מה טוב ונכון וכו' אין דעם לימוד הרמב"ם (כפי שנחלק לשנה אחת (בערך) דורך לערנען ג' פרקים ליום, אָדער לג' שנים ע"י לימוד פרק אחד ליום, אָדער אין ספר המצוות),

און סיי אין די שיעורים פרטיים בכל חלקי התורה של כל אחד ואחת, כל אחד לפום שיעורא דילי'.

יב. ובענין זה (הוספה וחידוש בתורה בקשר מיט דעם זמן מתן תורתנו) יש להציע לעורר ולעודד אויף נאָך אַן ענין — צו מפרסם זיין און אָפּדרוקן חידושי תורה.

ובהקדמה:

ס'איז ידוע אַז יעדער איד האָט בכח,

97) פרש"י יתרו יט, א. עקב יא, יג. תבוא כו, טז.

98) דה"א כח, ט. וראה תניא קו"א קנו, ב.

99) אבות רפ"א.

100) ירושלמי ביצה פ"ב ה"ד. חגיגה פ"ב ה"ג. רות רבה פ"ג. תוד"ה אף עצרת — חגיגה יז, א. וראה לקו"ש ח"ח ע' 21 ואילך. וש"נ.

101) לקו"ד ח"א לב, א. מב, א. וראה לקו"ש שם ע' 22.

דער כללות התוכן פון מתן תורה (וואָס דערפאַר איז „דכולי עלמא בשבת ניתנה תורה"[87]) — גיט דאָס נאָכמער כח אויף המשכת המנוחה בזמן מתן תורתנו, קומענדיק גלייך פון דער השפעה פון מנוחת שבת.

(ב) וויבאַלד אַז זמן מתן תורתנו איז ביום ראשון בשבוע — אונטערשטרייכט דאָס נאָכמער אַז די מנוחה (פון מ"ת) ווערט נמשך אין מציאות העולם וואָס ווערט ביום זה (ראשון) נתהוה מחדש (בדוגמא צו יום ראשון פון מעשה בראשית), המשכת מנוחה אין אַן עולם וואָס איז פאַרבונדן מיט שינוי והתחלקות פון זמן ומקום.

און נאָכמער: דער חידוש במציאות העולם ווערט נמשך פון דעם חידוש פון תורה (בזמן מ"ת), כמאמר[88] אסתכל באורייתא וברא עלמא, במילא איז פאַרשטאַנדיק אַז דער חידוש פון זמן מ"ת בשנה זו איז נאָכמער פאַרבונדן מיט אַ חידוש אין המשכת מנוחה („שקטה") בקיום העולם.

י. עפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק די שייכות מיוחדת מיט (שבת) פ' במדבר דוקא:

מתן תורה איז געווען דוקא אין מדבר. ומובן, אַז דאָס איז ניט צופעליק ח"ו, נאָר בהשגחה פרטית (במכ"ש מכל עניני העולם), ווייל מתן תורה האָט אַ שייכות מיט ענין המדבר.

ויש לומר איינער פון די ביאורים בזה: אין עולם גופא (וואָס מצ"ע איז „חסר מנוחה") איז דער העדר המנוחה והתיישבות האדם — אין אַ מדבר, וואָס אַ מדבר איז „לא ישב אדם שם"[89]: אויב ער איז אַן אדם, איז מקומו ניט אין אַ מדבר, ועאכו"כ ניט מקומו בהתיישבות („לא ישב אדם שם"). און דער אויפטו פון מ"ת איז — המשכת מנוחה („שקטה") אפילו אין אַ מקום וואָס איז בתכלית ההיפך פון מנוחת והתיישבות האדם („לא ישב אדם שם"), ועאכו"כ אַז דורך דעם ווערט מנוחה אויך אין שאר העולם (מקום מושב האדם).

ולהוסיף, אַז דאָס איז אויך מודגש אין דעם וואָס בתחלת פ' במדבר רעדט זיך וועגן מנין בני ישראל במדבר סיני: מנין איז פאַרבונדן מיט קביעות והתיישבות — דבר שבמנין אינו בטל[90]. ובפרט מנין בנ"י וואָס מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה[91], וואָס דאָס גיט נאָכמער צו אין זייער קביעות[92] ומנוחה. לאידך גיסא איז מנין בנ"י געווען דוקא אין מדבר, „ולא ישב אדם שם" — המשכת המנוחה למטה אין אַ מקום פון היפך ההתיישבות[93].

[וי"ל דוגמא לדבר — אין דעם מנין פון מעשר בהמה (להבדיל), אַז מ'ציילט דוקא ווי די בהמות שטייען ניט במנוחה במקום אחד, נאָר ווי זיי גייען אַרויס מן הדיר (פון שטאַל)[94], ביז אַז מ'קומט צו דעם עשירי — איז „העשירי יהי' קודש"[95], קדש מלה בגרמי'[96], שלימות המנוחה וההתיישבות].

יא. די הוראה לפועל פון האמור לעיל:

87) ולהעיר שבזמן הזה (שקביעות החדשים היא ע"פ החשבון) יום א' דחגה"ש (ו' סיון) אא"פ לחול ביום השבת.

88) זח"ב קסא, א־ב.

89) נסמן בהערה 30.

90) ביצה ג, ב. וש"נ. שו"ע יו"ד סק"י ס"א. שו"ע אדה"ז סתמ"ז ס"כ.

91) פרש"י ר"פ במדבר.

92) ראה לקו"ש חי"ח ע' 25. וש"נ.

93) ראה לעיל הערה 30.

94) בכורות נח, ב במשנה. רמב"ם הל' בכורות רפ"ז.

95) בחוקותי כז, לב.

96) זח"ג צד, ב. וראה סידור עם דא"ח ר, ג ואילך.



משיחות ש"פ במדבר, ערב חג השבועות ויום ב' דחג השבועות ה'תנש"א

אַנשטאָט רעדן מיטן מלך אַליין ווי ער געפינט זיך אַליין בחדרו, משא"כ אַן עני — צוליב דעם וואָס ער האָט גאָר קיין השגה ניט אין די גילויי המלך, בעט ער רעדן מיטן מלך ובמילא אַליין בחדרו.

ועד"ז אין עבודת ה': תפלת עשיר — צוליב זיין השגה אין גדלותו ית', די גדלות פון סדר השתלשלות, די מלאכי השרת (שרפים חיות ואופנים), ביז אין די עשר ספירות וכו' — קען באַשטיין אין דעם אַז ער זאָל בעטן די גרויסע גילויים שלמעלה, ווי דער מלך געפינט זיך אָנגעטאָן אין לבושים און אַרומגערינגלט פון משרתי המלך, די מלאכי עליון, וואָס זיינען אַ ריבוי גדול ואדיר, „אלף אלפים ישמשוני' ורבו רבבון קדמוהי יקומון"[56], ביז אַז „לגדודיו אין מספר"[57]. אָדער ער (דער עשיר) זאָל בעטן אפילו גילויים נעלים בעבודת ה' — אהבה ויראה (כסף וזהב רוחניים) וכיו"ב, ביז די גילויים פון די העכסטע דרגות וספירות אין סדר השתלשלות, וואָס ניט קוקנדיק אויף זייער גדלות — איז דאָס פאַרבונדן מיט חילוקי דרגות, ניט „שוב לאחד", דער אויבערשטער אַליין (ה' אחד), ובמילא האָט ער אויך ניט מנוחה בשלימות צוליב דעם וואָס ביי אים הערן זיך אָן די חילוקי דרגות שלמעלה (כנ"ל);

משא"כ תפלה לעני — אַזאַ וואָס שטייט בתכלית הביטול (ווי אַן עני) — איז דוקא צוליב זיין ביטול (והעדר ההשגה אין די גילויים שלמעלה), באַשטייט זיין תפלה אין „לפני ה' ישפוך שיחו", צו רעדן מיטן מלך אַליין, עצמותו ית', ע"ד אני מתפלל לדעת זה התינוק[58], וואָס אַ תינוק ווייסט ניט פון ספירות וגילויים וכו', נאָר וועגן „אלוקה מצוי"[59], עצמותו ית', ניט שייך (שלמעלה) מכל הגילויים והתוארים.

און דוקא דורך תכלית הביטול פון אַן עבד — וואָס דורך דעם ווערט „עבד מלך מלך" (כנ"ל) — באַקומט ער דערנאָך אויך אַלע גילויים ועשירות פון דעם אויבערשטן, מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה[60] [ווי דאָס איז געווען באַ משה רבינו, אַז דורך זיין ביטול בתכלית, „ונחנו מה"[61], איז ביי אים אויך געווען עשירות[62], „תפלה למשה"[63], תפלת עשיר[64]]. אַזוי אַז אויך אין די חילוקי דרגות פון סדר השתלשלות הערט זיך אחדותו ית', און אויך אין דעם מקום פון שינוי ותנועה האָט ער שלימות המנוחה.

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָרט „מלך" („עבד מלך מלך"), ר"ת מוח לב כבד[65]:

דער אונטערשייד צווישן מוח און לב איז, אַז דער מוח איז זיך ניט מתנענע. ואדרבה: שלימות המוחין איז דוקא דורך מנוחה והתיישבות. דאַקעגן די האַרץ איז זיך שטענדיק מתנענע (רצוא ושוב פון דפיקו דליבא), און דוקא אין דעם באַשטייט חיות הלב והשפעת הדם אל הגוף, ועד"ז די מדות שבלב (אהבה וכו') — אַז זיי

56) דניאל ז, י.

57) איוב כה, יג. וראה חגיגה יג, סע"ב.

58) שו"ת הריב"ש סקנ"ז. הובא ונת' בשרש מצות התפלה להצ"צ פ"ח (דרמ"צ קיח, א).

59) תו"א וירא יד, ב.

60) נוסח ברכה השלישית דברהמ"ז.

61) בשלח טז, ז.

62) נדרים לח, א.

63) תהלים צדי"ק, א.

64) ראה זח"א קסח, ב. וראה ד"ה תפלה למשה תר"ס (ע' מט ואילך). תשכ"ט (סה"מ מלוקט ח"ה ע' ריז). — נעתקו ב„קובץ י"א ניסן שנת הצדי"ק" (קה"ת תנש"א) אות יח, כא.

65) ראה ניצוצי אורות וניצוצי זהר לזח"ב קנג, א. וש"נ.

שטייען אין אַ תנועה ותשוקה, בבחי' רצוא ושוב (כנ"ל).

דורך עבודת העבד (ביטול) — ווערט „עבד מלך מלך", דער חיבור פון ביידע ענינים: מנוחת המוח און תנועת הלב, אַז די מנוחה פון דעם מוח ווערט נמשך און נעמט דורך אויך תנועת הלב (המדות) באופן פון „מוח שליט על הלב"[66], און נאָכמער — אַז סוף סוף איז דאָס ניט באופן פון שליטה (בעל־כרחך), נאָר באופן פנימי (ברצון). און דער כח אויף דעם איז דורך ביטול העבד — וואָס דאָס דערגרייכט אין רצון המלך ביז אין עצם המלך, וואָס איז למעלה פון התחלקות אויך פון מוחין, וואָס דאָס גיט דעם כח צו ממשיך זיין מנוחה אמיתית („מנוחה שלימה") בכל כחות הנפש, און מחבר זיין די מנוחה פון מוח מיט תנועת הלב. וי"ל אַז דאָס איז מרומז אין דעם „כבד", וואָס דאָרטן איז נקרש הדם[67] (וואָס נעמט זיך פון לב) במקום אחד (באופן של מנוחה).

ז. וענין זה — דער גילוי פון עצם המלך, מלך מלכי המלכים הקב"ה ע"י ביטול העבד (אידן) — האָט זיך אויפגעטאָן בשלימות ובגלוי באַ מתן תורה:

באַ מ"ת איז געווען דער גילוי פון „אנכי ה' אלקיך"[68], גילוי עצמותו ית' בראי' חושיית[69], „אתה הראת לדעת"[70], און די הקדמה לזה איז געווען דער ביטול בתכלית פון עם ישראל, דורך דעם וואָס „הקדימו ישראל נעשה לנשמע", וואָס עי"ז קשרו המלאכים לכאו"א מישראל „שני כתרים אחד כנגד נעשה ואחד כנגד נשמע"[71], ובפרטיות יותר — איז דאָ די „ג' עטרות" וואָס די בני המדינה עשו למלך, וואָס די אידן האָבן אָפּגעגעבן צו דעם אויבערשטן, און „נתן בראשו אחת ושתים בראשם של בניו"[72]. דוקא דורך ביטול העם ווערט הכתרת המלך, ווייל זייער ביטול דערגרייכט „לפני הוי'", אין עצמותו ומהותו ית', און דאָרטן ווערט נתעורר און פון דאָרטן ווערט נמשך רצונו צו זיין אַ מלך, און דורך דעם ווערט נתהווה גאַנץ סדר השתלשלות, ביז עשי' למטה (כמבואר בדרושי ראש השנה[73]).

ווי דאָס איז געווען באַ מתן תורה בפשטות, אַז צוזאַמען דערמיט וואָס ס'איז געווען „קבלו מלכותי" — אַ נקודה אחת בכל הענינים, איז דערנאָך געווען „אגזור עליכם גזירות"[74], די פרטי המצוות. אָבער באופן אַז אין די אַלע פרטים האָט מען די מנוחה וואָס קומט דורך דער נקודה אחת שבכל המצוות.

ועד"ז אין תורה עצמה — איז נוסף צו דער גילוי התורה מלמעלה, „וירד ה' על הר סיני . . וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר"[75], איז די תורה געגעבן געוואָרן באופן אַז „לא בשמים היא"[76], נאָר דוקא למטה, און פס"ד התורה ווערן דוקא דורך הכרעת השכל פון ב"ד של־מטה, „ובאת אל הכהנים . . ואל השופט

66) זח"ג רכד, סע"א. וראה תניא פי"ב (יז, רע"א). פי"ז (כג, א). פ"ל (לח, ב). פנ"א (עא, סע"א).

67) חולין קט, ב.

68) יתרו כ, ב.

69) ראה תניא פל"ו (מו, א).

70) ואתחנן ד, לה.

71) שבת פח, א.

72) ויק"ר פכ"ד, ח. וראה סה"מ עזר"ת ע' רכה, שהכתר השלישי הוא כנגד שהקדימו נעשה לנשמע (נוסף על שני הכתרים שכנגד נעשה ונשמע).

73) סידור (עם דא"ח) שער התקיעות רמה, ד ואילך.

74) מכילתא יתרו כ, ג.

75) יתרו יט, כ. כ, א.

76) נצבים ל, יב. וראה ב"מ נט, ב.





אשר יהי' בימים ההם"[77], לויט ווי זיי שאַצן אָפּ די תנאים און מצב העולם. און דוקא דאָרטן איז מען ממשיך די מנוחה ושלום פון תורה, וואָס כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם[78].

און דערפון ווערט נמשך דער כח פון מתן תורה צו אויפטאָן מנוחה („שקטה") בכל העולם כולו, דורך דעם וואָס עס ווערט נתגלה די תכלית וכוונה פון כל הבריאה, כנ"ל.

ח. עפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק דער סדר העבודה פון אידן אַלס הכנה צו מתן תורה:

לאחרי יציאת מצרים איז באַ זיי געווען די עבודה אין די מ"ט ימי הספירה בבירור פרטי המדות פון חסד שבחסד ביז מלכות שבמלכות (אַן עבודה בבחי' שינויים, בכל יום ויום מדרגא לדרגא); און לאחרי המ"ט ימים — בסיום פון מלכות שבמלכות, תכלית הביטול פון „תפלה לעני", האָט מען דערגרייכט צו דעם יום החמישים (שער הנו"ן), כידוע אַז מלכות דערגרייכט אין כתר, ביז אין פנימיות הכתר, „לפני הוי'" — דער גילוי פון מתן תורה[79], „אנכי ה' אלקיך", ביז באופן אַז דאָס ווערט „אלקיך" — „כחך וחיותך"[80].

און צוזאַמען דערמיט האָבן אידן באַקומען אַלע גילויים פון סדר השתלשלות, גילוי מעשה המרכבה[81], „וירד ה' על הר סיני על כסא הכבוד שלו"[82] וכו', נוסף אויף די גילויים והשפעות גשמיים ועשירות גשמית וואָס זיי האָבן געהאַט פון ביזת מצרים און ביזת הים, אַלץ דורכגענומען מיט דער הכרה אין דעם „שוב לאחד".

ט. ע"פ הנ"ל וועט מען פאַרשטיין דעם נתינת כח פון קביעות שנה זו, ווען מ'גייט אַריין גלייך פון שבת אין זמן מתן תורתנו, ביום ראשון בשבוע:

בכל שבת ווערט אויפגעטאָן (בדוגמא צו דעם ערשטן שבת) דער ענין המנוחה אין דער בריאה, „באת שבת באת מנוחה". ובכל יום ראשון חזר'ן זיך איבער די ענינים וואָס האָבן פּאַסירט דעם ערשטן יום ראשון פון מעשה בראשית — בריאת כל העולם כולו מחדש (אָנהויבנדיק פון בריאת הזמן מחדש, יום ראשון), „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"[83], „את השמים לרבות תולדותיהם ואת הארץ לרבות תולדותי'"[84].

ועד"ז איז אויך בנוגע צו מתן תורה: בזמן מתן תורתנו בכל שנה ווערט געגעבן די תורה „מחדש", בדוגמא ווי ס'איז געווען באַ מ"ת בפעם הראשונה [כהלשון „נותן התורה" לשון הווה[85]], און נאָכמער — באופן פון „מעלין בקודש"[86].

ועפ"ז איז מובן אַז בשעת שבת פירט גלייך אַריין אין זמן מתן תורתנו — בלי הפסק פון עובדין דחול — שטייען ב־הדגשה צוויי לימודים:

(א) ווייבאַלד אַז דער ערב והכנה צו חג השבועות איז שבת, וואָס ענינה איז מנוחה,

77) שופטים יז, י. ואחז"ל „אין לך אלא שופט שבימיך" (ספרי ופרש"י עה"פ. וראה גם ר"ה כה, ב).

78) רמב"ם סוף הל' חנוכה (מספרי נשא ו, כג — ראה לקו"ש ח"ח ע' 340 ואילך).

79) ראה לקו"ת במדבר יב, א ואילך.

80) ראה לקו"ת שם טו, רע"ד. ועוד.

81) ראה משפטים כד, י ואילך. שמו"ר פ"ג, ב. וש"נ.

82) פרש"י יתרו יט, כ.

83) בראשית א, א.

84) פרש"י בראשית א, יד.

85) של"ה כה, א. לקו"ת תזריע כג, א. ועוד.

86) ברכות כח, א. וש"נ.